# 'צוריק צום מקור'

(בניגון: א טאטע ביסטו גאר א געטרייער)

מילים: ר' יואל פוקס, שירה: שלום זוסמאן

פון גאר א הויכע ארט, די נשמה קומט אראפ,
הייליג ליכטיג דארט, דא שטעלט זיך אלעס אפ,
א אנדערע סארט וועלט, אלעס איז פארשטעלט,
ארץ ציה ועיף בלי מים.

דורך גיין א וועג, גשר צר מאוד,
נסיונות אָן אַן עק, מי יעמוד בסוד,
א יאר נאך א יאר, אזא בלבול גארנישט קלאר,
ווער בין איך דא, וואס טו איך דא, למה לי חיים.

ער געדענקט, און ער בענקט, צו זיין הייליגן מקור,
דער יושב מחכה, ער וויל טאקע, זיין תשוקה איז ביז גאר,
אבער א גאנצע צייט, שפירט ער זיך ווייט, אין א טיפן בור.

**התבודדות היא מעלה עליונה וגדולה מן הכל,**
**האסט א זכות זיי עס קונה עפן שוין דיין מויל,**
**וואס דו ווילסט נאר, ווער דו ביסט נאר, טוב ד' לכל,**
**ס'גוט פאר אלעס בעט נאר און פועל.**
**אוי הוי, דער בעל דבר ווייסט עס אויכעט, ער טוט**
**נישט לאזן,**
**ער וועט פארלייגן אלע כוחות דיר נישט צולאזן,**
**פאלג דעם רבי'ן נישט אויפגעבן קיין**
**טאג אויסלאזן,**
**אויף זיין כח טו זיך פארלאזן.**



אין דעם וועג אז דו וועסט גיין,
יעדן טאג א שעה,
וועסטו טרעפן דיר אליין, קלאר וועט ווערן דא,
זיך צובינדן צו אים, שפירן דעם נועם השם.

אזוי וועסטו קענען דורך גיין, די זיבעציג יאר,
ריכטיג ליכטיג שיין און ריין, צוריק גיין צום מקור,
אז תתענג על השם, נישט דא בעסער פון דעם.

טרעפט זיך א איד, פול מיט דאגות ארום,
ווי א ארעמאן אויפן יריד, קוקט ער אומעטום,
ארומגענומען איז ער, פראבלעמען ס'איז שווער,

יעדער איינער, א גרויסער א קליינער, זוכט אן ענטפער.

אין עבודת ד' געוואלד, פון אלעס אים פעלט,
ער זעט וואו ער האלט, וואו בין איך אין דער וועלט,
די צרכי הגוף, אין תאוות אזוי טיף,
פארברענען אים די גוטע יארן, ער ווערט פארפארן.

אויך נסיונות, מיט שלעכטע רעיונות, דרוקן אויפן הארץ,
אויך די מידות, עליות ירידות, ס'טונקל ס'שווארץ,
ועל כולנה וואס, די ערגסטע זאך דאס, יאוש דער פארדרוס.

הוא המסית הוא השטן, נאך וואס ער ווארפט אראפ,
פון יעדן תקוה כגדול כקטן, שטעלט ער דיר גלייך אפ,
מוסר ער שמועסט, דו ארבעטעסט אומזיסט, קוק ווער דו
ביסט, לאז דיך אפ.

**התבודדות היא מעלה עליונה וגדולה מן הכל,**
**האסט א זכות זיי עס קונה עפן שוין דיין מויל,**
**וואס דו ווילסט נאר, ווער דו ביסט נאר, טוב ד' לכל,**
**ס'גוט פאר אלעס בעט נאר און פועל.**
**אוי הוי, דער בעל דבר ווייסט עס אויכעט, ער טוט**
**נישט לאזן,**
**ער וועט פארלייגן אלע כוחות דיר נישט צולאזן,**
**פאלג דעם רבי'ן נישט אויפגעבן קיין**
**טאג אויסלאזן,**
**אויף זיין כח טו זיך פארלאזן.**

ווילסט ניצול ווערן, זיך אומקערן, נעם זיך שוין צו דעם,
רעד אויס אלעס, ספיקות און שאלות, נוכח פני השם,
שריי און בעט, ער הערט און זעט, שפירט מיט יעדע קלעם.

מאך דיך א משפט, און וואס טויג נישט
וועט פון דיר אוועק גיין,
זיי זיך מתבונן, ווי עס טוט דיר
לוינען, פאר דיין נצחיות אליין,
הקב"ה מתאוה,
ברצון ואהבה,
צו דיין געזאנג,
צו דיין געוויין.

